# א מעשה'לע

גליון י'

פרשת במדבר תשפ"ו

וועכענטליכע גליון
געאייגנט פאר קינדער


## רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן צְווִישְׁן דִי גְרָאז

"טַייעֶרֶע קִינְדֶער, וֶוער וִויל קוּמֶען מִיט טַאטִי אַבִּיסְל שְׁפַּאצִירְן אִין פֶעלְד צְווִישְׁן דִי גְרָאז אוּן בֵּיימֶער אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן?"

אַלֶע קִינְדֶער שְׁרֵייעֶן הוֹיךְ: "אִ אִ אִ אִ אִ אִ י ךְ! ! !"

דֶער טַאטֶע נֶעמְט אַלֶע קִינְדֶער אוֹיף אַ שְׁפַּאצִיר אִין פֶעלְד אוּן זֶעצְט זִיךְ אַרָאפּ מִיט זֵיי אוּן זָאגְט זֵיי: טַייעֶרֶע קִינְדֶערְלֶעךְ, אִיךְ וִויל עֶנְק דֶערְצֵיילְן אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה:

"וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען וואוֹינֶען אִין שְׁטָאט זְלַאטִיפָּאלֶע, אֵיינְמָאל



אַהַהַהַ, וְוי גֶעשְׁמַאק!

זוּמֶער הָאט דֶער רֶבִּי גֶערוּפְן זַיין קְלֵיינֶע טָאכְטֶער שָׂרָה זִי זָאל גֵיין רוּפְן אֵיינֶער פוּן דִי תַּלְמִידִים, דֶער תַּלְמִיד אִיז שְׁנֶעל גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז גֶעגַאנְגֶען שְׁפַּאצִירְן מִיט אִים, דֶער רֶבִּי רוּפְט זִיךְ אָן: 'אַה, וִוי גֶעשְׁמַאק אִיז צוּ גֵיין צְוִוישְׁן דִי גְרָאז, צוּ הֶערְן וִוי זֵיי זִינְגֶען שִׁירוֹת וְתִשְׁבָּחוֹת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דִי גְרָאז זִינְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַן אֱמֶת, זֵיי וִוילְן גָארְנִישְׁט, זֵיי עֶרְוַוארְטְן גָארְנִישְׁט, זֵיי וִוילְן נָאר זִינְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַה, וִוי גוּט אוּן גֶעשְׁמַאק אִיז צוּ זַיין צְוִוישְׁן זֵיי'".

דֶער טַאטֶע זָאגְט פַאר דִי קִינְדֶער: "לָאמִיר אִינְאֵיינֶעם זִינְגֶען אַ נִיגוּן צוּ דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן", דֶער טַאטֶע הֵייבְּט אָן זִינְגֶען: "שְׁכּוֹחַ, שְׁכּוֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אַז דוּ הָאסְט מִיר גֶעגֶעבְּן אַזַא שֵׁיינֶע לֶעבְּן", אַלֶע קִינְדֶער זִינְגֶען מִיט: "שְׁכּוֹחַ, שְׁכּוֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אַז דוּ הָאסְט מִיר גֶעגֶעבְּן אַזַא שֵׁיינֶע לֶעבְּן!"

דֶער טַאטֶע הֵייבְּט אוֹיף זַיינֶע הֶענְט צוּם הִימְל אוּן אַלֶע קִינְדֶער הֵייבְּן אוֹיךְ אוֹיף דִי הֶענְט צוּם הִימְל אוּן מֶען זִינְגְט וַוייטֶער: "טַאטֶע אִיךְ דַאנְק דִיךְ אוּן אִיךְ לוֹיבּ דִיךְ פַאר אַלֶע גוּטְס וָואס דוּ טוּסְט מִיר", אַלֶע קִינְדֶער זִינְגֶען מִיט: "טַאטֶע אִיךְ דַאנְק דִיךְ אוּן אִיךְ לוֹיבּ דִיךְ פַאר אַלֶע גוּטְס וָואס דוּ טוּסְט מִיט מִיר!"

# ספר המידות

## הִתְבּוֹדְדוּת ־ חלק ב׳



א. הַשִּׂיחָה שֶׁאָדָם מֵשִׂיחַ בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ, הַשִּׂיחָה הַזֹּאת נַעֲשֵׂית אַחַר־כָּךְ גְּאֻלָּה וִישׁוּעָה לְבָנָיו.

א. דָאס וָואס אַ מֶענְטְשׁ שְׁמוּעֶסְט זִיךְ אוֹיס פְּרִיוַואט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דִי שְׁמוּעֶסְן הֶעלְפְן אוּן לֵייזְן אוֹיס שְׁפֶּעטֶער זַיינֶע קִינְדֶער.


קול ברסלב

212.444.9191

845.351.0910



צו באקומען דעם גליון רופט קרן הדפסה היכל הקודש: 718.387.2691